**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול מעלדט פרישע פלענער צו פארשטערקערן און פאראויסשטופן ניו יארק'ס אגריקולטורע אינדוסטריע

***פארשלאגן וועלן שטיצן ניו יארק'ס מילך אינדוסטריע, בויענדיג אויף פאריעריגע רעקארד אינוועסטמענט***

***פארזיכער לאקאלע עסן סופליי קייט און פארשטערקער ניו יארק'ס לאקאלע עסן סיסטעמען***

***פארברייטערן עפארדעבל פארעם ארבעטער האוזינג צו העלפן פארעמס צושטעלן מער פארזיכערטער, געזונטערער האוזינג פאר זייער ארבעט'ס קראפט***

***אהערשטעלן ניו יארק אלס א פירער אין פייבער און מעיפל פראדוקציע***

***שטיץ ניו יארק אקריקולטור פאר ווייטערדיגע דורות דורך באשיצן פארעם לאנד און פארמערן אגריקולטור לערנונגען אין ניו יארקער שולעס***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט געמאלדן עטליכע גרויסע פארשלאגן צו געבן א שטופ פאר ניו יארק'ס אגריקולטורע אינדוסטריע אלס טייל פון די 2025 צושטאנד פון די סטעיט רעדע. די גאווערנער האט געמאלדן פלענער פון מערערע אינציאטיוון וועלכע וועלן שטיצן פארמער, פארשטערקערן די אינדוסטריע, און צושטעלן א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר ניו יארקער .

"ניו יארק'ס אגריקולטורע אינדוסטריע איז די רוקן ביין פון אונזער עקאנאמיע, און מיר וועלן ווייטער אינוועסטירן אין אונזערע פארמער, אונזער יוגנט, און אונזער צוקונפט צו פארזיכערן אז ניו יארק פארבלייבט א לעבהאפטיגע און קאנקורירנדע שטארקייט אין אגריקולטור פאר די קומענדיגע דורות" **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פון שטיצן אונזער מילך און מעיפל פראצעדורן ביזן פארשטערקערן לאקאלע עסן סיסטעמען און פארברייטערן אגריקולטורע שטודיעס אין אונזערע שולעס, די אינציאטיוון וועלן אהערשטעלן ניו יארק אלס א פירער אין אינאוואציע, שטאנדהאפטיגקייט, און געלעגנהייט."

איינערקענען אגריקולטור אלס א יסוד פון ניו יארק'ס עקאנאמיע, גאווערנער האקול האט געמאבט א רעקארד פון אינוועסטירונגען צו שטיצן די סטעיט'ס אגריקולטורע געמיינדע. גאווערנער האקול וועט ווייטער ארבעטן צו בויען אויף די פארשריט מיט נייע לעזונגען און געצילטע אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן וויכטיגע אינדוסטריעס, שטיצן קליינע ביזנעסער, פארבעסערן סוסטעינעביליטי, און צו מאכן עקאנאמישע געלעגנהייטן איבער די סטעיט.

**סטעיט אגריקולטור קאמישענער Richard A. Ball האט געזאגט,** "ניו יארק'ס פארמער שפייזן אונזערע פאמיליעס, פירן אונזערע עקאנאמיע, און באשיצן אונזערע נאטורליכע לאנדשאפט. אפעון גערעדט, אן אינוועסטירונג אין אונזער אגריקולטור איז אן אינוועסטירונג אין אונזער וועג פון לעבן. איך

דאנק גאווערנער האקול פאר איר קלארע פלאן צו ווייטער מאכן ניו יארק'ס אגריקולטור פאראויס מיט נייע סטראטעגיעס אין וויכטיגע געגנטער וואס וועט פאראויס רוקן אונזער ארבעטס קראפט אנטוויקלונג און אג שטודיעס צילן, פארשטערקערן אונזערע עסן סיסטעמען און סוסטעינעביליטי באמיאונגען, און אינוועסטירן אין קריטישע אינפראסטרוקטור, מארקעטינג, און פארשונגען צו פארגרעסערן די אינדוסטריע. אונזערע אגריקולטורערע געמיינדע האט געמאכט גרויס פארשריט נאך יארן פון שווערע ארבעט, און איך קוק ארויס צו זעהן דאס זאל פארזעצן צו ווערן פארשנעלערט און איבערגעמאכט ווען מיר וועלן אימפלעמענטירן די גאווערנער'ס פלענער פאר די קומענדיגע יאר."

**פארשריטן די סוסטעינעביליטי פון ניו יארק'ס מילך אינדוסטריע**
ניו יארק איז די פיפט גרעסטע סטעיט פון מילך פראדוקציע איבערן לאנד, מיט מילך פארמס ציילנדיג האלב פון ניו יארק'ס אגריקולטורע עקאנאמיע. בויענדיג אויף די פאראיעריגע צווי און אכציג מיליאן דאלערדיגע אינוועסטמענט אין אגריקולטורע פארוואלטונגס פראגראמען, גאווערנער האקול טוט פארשטעלן מער פאנדינג צו ריסערטשן און איינפירן קלימאט שטאנדהאפטיגקייט פראקטיצירונגען אויף מילך פארמס.

**פארבעסערן לאקאלע עסן סופליי טשעינס**
די קאוויד 19 פאנדעמיע האט אויפגעדעקט א שוואכקייט אין סופליי טשעינס, צושטערנדיג עסן צוטריט, און אונטערשטרייכנדיג די געברויך צו פארשטערקערן ניו יארק'ס לאקאלע עסן סיסטעמען. בויענדיג אויף ניו יארק'ס ארבעט צו פארשטערקערן די סופליי טשעין און עסן האנדלונג קעפעסיטי אין די לעצטערע יארן, גאווערנער האקול וועט גרונדן די עסן און פייבער סמאל סקעיל פראסעסינג גרענט פראגראם צו ווייטער שטיצן די פילפארביגע פראדוקטן פאר פילע לאקאלע איינקויפער פראגראמען. און צוגאב, סיניער פארמערס' מארקעט נוטרישן פראגראם בענעפיטן וועלן ווייטער אנגיין, און גאווערנער האקול וועט פארברייטערן ניו יארק'ס סופליי פון נוטרישעס, לאקאל געוואקסענע ים שפייז.

**פארברייטערן עפארדעבל פארם ארבעטער האוזינג**
פארזיכערטע און עפארדעבל האוזינג פאר פארם ארבעטער איז וויכטיג צו אנהאלטן א שטארקע און סוסטעינעבל אגריקולטורע אינדוסטריע. צו העלפן פארמער אדרעסירן פארעלטערטע איפראסטרוקטור און גועאפדעיטע האוזינג סטאנדארטן, די גאווערנער וועט פארמערן שטיצע פאר די פארם ארבעטער האוזינג פראגראם שטיצע צו העלפן פארמס צושטעלן פארזיכערטע, געזונטע האוזינג פאר זייער ארבעטס קראפט און גלייכצייטיג ערדייכן זייערע פראדוקציא צילן.

**אהערשטעלן ניו יארק אלס א רעגיאנאלע פירער אין פייבער און מעיפל פראדוקציע**
אזוי ווי די נאציאנאלע פייבער סופליי טשעין האט זיך פאראייניגט אין אנדערע טיילן פון די פאראייניגטע שטאטן טוען די צפון מזרח פארמער אויסשטיין באגרעניצונגען צו פראסעסן און מארקעטן צוגענגליך זייער וואל און אנדערע נאטורליכע פייבער. צו פארמינערן די טשעלענזשעס אין ניו יארק און פארבינדן די סטעיט פראדעצירער צו נייע איינקויפער, אריינגערעכנט ניו יארק'ס פעשען אינדוסטריע, גאווערנער האקול וועט מאכן וויכטיגע אינוועסטירונגען וואס וועט אהערשטעלן ניו יארק אלס א פירער אין פייבער פראדוקציע. דאס רעכנט אריין באשטומען די בעסטע לאקאציע און די מערסט סוסטעינעבל אפערירנדע מאדעל פאר ניו יארק פייבער סארטירן און הויפענונג צענטער.

**לאונטשן א מעיפל אינדוסטריע וואקסונג סטראטעגיע**
היים צו די גרעסטע קוואל פון גרייטע מעיפל ביימער איבערן לאנד, ניו יארק קומט אריין די צווייטע אין נאציאנאלע סירופ פראדוקציע און איז די היים פון איבער 200 צוקער פאבריצירער. פאראיאר, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן דריי בילס ביי די Great New York State Fair צו פארשטערקערן ניו יארק'ס אגריקולטורעל אינדוסטריע אריינגערעכנט א נייע געזעץ וואס ערלויבט סטעיט לאנד צו ווערן געליעסט פאר sap production. די גאווערנער וועט ווייטער פארברייטערן ניו יארק'ס מעיפל אינדוסטריע

דורך אינוועסטירן אין מארקעטינג און ריסערטש, צו העלפן ניו יארק ווערן די פירער אין מעיפל אינאוועיטאר.

**באשיצן ניו יארק פארם לאנד.**
די 2022 צענזוס פון אגריקולטור טוט אונטערשטרייכן א באזארגנדער טרענד אין יו עס אגריקולטור: ווייניגער פארמס, פארמינערטער פארם לאנד און גרעסערע ווורידזש פארם סייזעס. ניו יארק טוט אויך מיטמאכן די טשעלענזשעס. אין די צייט וואס די סטעיט האט דערגרייכט א באאיינדרוקספולער דערגרייכונג פון איבער 100,000 עיקער פון באשיצטע פארם לאנד אין 2023, א באדייטנדע צאל פון ניו יארק'ס פארם לאנד פארבלייבן אומבאשיצט.

צו שטיצן ניו יארק'ס אגריקולטור סעקטאר פאר צוקונפטיגע דורות, וועט גאווערנער האקול אינוועסטירן צו פארבעסערן צו טרעקן פארלוירענע פארם לאנד און פארמערן די קעפעסעטי דורכאויס ניו יארק'ס נעטווארק פון קאמיוניטי געפירטע לענד טראסטס.

**פארברייטערן אגריקולטורע עדוקעישן אין ניו יארקער שולעס**
פארשטעלן פאר אינגע מענטשן די וויכטיגקייט פון לאקאלע אגריקולטור און לאקאלע עסן סיסטעמס גענוג פרי איז קריטיש צו אנטוויקלען א פייפליין פון צוקונפטיגע אגריקולטורע פירער. ניו יאָרק סטעיט פארמאגט איבער 400 אגריקולטורע טיטשערס איבער ניו יארק. די סטעיט טוט צולייגן MANRRS אפטיילונגען איבער די סטעיט, אריינגערעכנט די ערשטע דזשוניאר אפטיילונג ביי John Bowne High School אין קווינס, און האט כמעט 200,000 H-4 סטודענטן אין יעדע ווינקל פון ניו יארק סטעיט. New York FFA וואקסט שנעלער פון סיי וועלכע אנדערע סטעיט און טוט יעצט אפצייכענען איר 100 יעריגע עניווערסערי.

צו בויען אויף די סוקסעסן און ווייטערדיגע צוטריט צו אגריקולטורע עדוקעישען וועט גאווערנער האקול שטיצן די צוזאמען ארבעט פון אגריקולטורע עדוקעישען אין די פאבליק-סקול קאריקולום, צו פארזיכערן אז סטודענטן באקומען ווערדפולע וויסנשאפט און פראקטישע עקספיריענס. נייע פינאנצירונג פאר די סוקסעפולע ניו יארק אגריקולטור אין די קלאסרום פראגראם וועט פארזיכערן לערערס האבן די ריסארסעס און הילף זיי דארפן פאר סוקסעספולע איינפירונג.

**ערמעגליכונג פארגעשריטענע אויפכאפונג פון שאדן פאר טאראוברעד רעיסינג**
ניו יארק'ס עקוויינס אינדוסטריע האט א געשאצטע ווירקונג פון זיבן ביליאן דאללער פון ניו יארק'ס עקאנאמיע און שטיצט א סך הכל פון 52,300 דזשאבס. די טאראוברעד און סטאנדארטברעג רעיסינג אינדוסטריעס זענען א וויכטיגע טייל פון די סעקטאר.

צו העלפן פארזיכערן דאס געזונט און זיכערקייט פון די סטעיט'ס פערד אין טאראוברעד רעיסינג, ניו יארק סטעיט וועט אינוועסטירן אין פארגעשריטענע מעדעצינישע אימעדזשישנג און סקרינינג פראטאקאלן וועלכע וועלן פארגרינגערן פארגעשריטענע אויפכאפונג פון שאדן פאר טאראוברעד רעיסינג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן